# עס שרײַט אין דער נאַכט.

איר פֿרעסט די שיינקייט און שפּײַט אויס,
די שטערן גייען אויס פֿאַר חרפּה ;
אונטער אײַערע ברעמען איז ענג פֿאַר גאָט,
אויבן ווערט דער הימל שוואַרצער.

איר טוליעט צום בוזעם ליידן און זינד,
פֿאַר אײַער געלעכטער דערשרעקט איר זיך זעלבער,
מיידלשע פֿיס לעקט איר, ווי הינט,
אײַער נשמה קען פֿאַר הונגער נישט שלאָפֿן.

איבער אײַערע בעטן נעכטיקט אַ קללה,
ביטערע ליפּן קושט איר און ציטערט ;
טרוימעריש שפּילט דאָרטן ערגעץ די נאַכט.
נאָר איר פֿרעסט דאָס גליק און שפּייט אויס.

און אז גאָט איז אייך מוחל אייער עלנט, און פּרואווט
נאַכטיקע וועלטן אין אייער האַרץ וויגן, -
ליגט איר פֿארשפּעטיקטע מידע און הערט,
ווי עס גענעצט דער האָן אין גרויען באַגינען.

--------------------------------------------------------------

1919